# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.....8:14
מוצאי שב"ק.....9:44

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....זכריה ד'-ה'
בבלי.....יומא ע"ו
ירושלמי.....סוטה כ"ט
תוספתא.....דמאי ה'
רמב"ם.....ערכים וחרמים ה'

פרשת בלק, ט"ז תמוז, אבות פרק ו', שנת תשפ"א לפ"ק — שנה 10, גליון 38 (505)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל, ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ.** דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בְּמִדְבָּר רַבָּה כ, כ): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי אִידְן נָאר אוֹיף זֵייעֶר גֵאוּת.

מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב): אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶר דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט דֶעם אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַ צְוֵוייטְן אִיד דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס שְׁלֶעכְטְס.

בֶּאֱמֶת גֵייט דִי בֵּיידֶע זַאכְן צוּזַאמֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט בַּיי זִיךְ נָאר אוֹיף זַיין גוּטְס, דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר קוּקְט בַּיי יֶענֶעם אוֹיךְ נָאר דִי גוּטְס. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אָבֶּער נָאר דִי שְׁלֶעכְטְס בַּיי זִיךְ וֶוערְט עֶר אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר זֶעט נָאר שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער פָּסוּק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, **לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב** - מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי פְּשׁוּטֶע אִידְן, **וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל** - אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קוּקְן דִי שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צַדִּיקִים. וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? **ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ** - וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ אַלְץ לִיבּ אוּן עֶר אִיז מִיט אִים. דֶעמָאלְט וֶועט עֶר וִויסְן אַז, **וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט נָאר אוֹיס.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן אִידְן נָאר אוֹיף זֵייעֶר גֵאוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נָאר אוֹיף דֶעם וָואס אַ אִיד הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט זַיינֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ דַן זַיין לְכַף זְכוּת יֶעדְן אֵיינֶעם, קוֹדֶם אָנְהוֹיבְּן בַּיי זִיךְ אַלֵיין, קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס וָואס מְ'הָאט, דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג, נִישְׁט וֶוערְן נָאר דֶערְבִּיטֶערְט אַז דָאס אוּן יֶענְץ אִיז נִישְׁט גוּט, וַוייל וֶועט מְ'קוּקְט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים, וֶוערְט מֶען טְרוֹיעֶרִיג אוּן אַנִידֶערְגֶעשְׁלָאגְן, אוּן דַאן זֶעט מֶען אוֹיךְ נָאר דָאס שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, מְ'אִיז דַן יֶעדְן לְכַף חוֹב.

פַארְקֶערְט, וֶוען מְ'זֶעט נָאר דָאס גוּטְס בַּיי זִיךְ אַלֵיין, וֶועט מֶען שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, דֶער מֹחַ וֶועט וֶוערְן מְיוּשָׁב, אוּן מְ'וֶועט אָנְהוֹיבְּן זֶען דָאס גוּטְס אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן אַרוּם זִיךְ, מְ'וֶועט יֶעדְן דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן בְּרֶענְגֶען אַז יֶעדֶער זָאל טַאקֶע וֶוערְן נָאר גוּט אוּן וואוֹיל.

(זֹאת הַתּוֹרָה בָּלָק ח)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### דִי דְרֵיי וָואכְן

מִיר טְרֶעטְן יֶעצְט אַרַיין אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים" - דִי דְרֵיי וָואכְן צְווִישְׁן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב; מֶענְטְשְׁן בַּאטְרַאכְטְן דִי צַייט אַלְס טְרוֹיעֶרִיגֶע מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶע טֶעג, עֶס זֶעט עֶפֶּעס אוֹיס וִוי גֶעפַאלֶענֶע נִידֶערִיגֶע טֶעג, וֶוען מֶען אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען דֶעמָאלְט נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי. נָאר פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דִי טֶעג זֶענֶען גְרוֹיסֶע טֶעג, וָואס זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ מֶער אוּן גְרִינְגֶער פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זָאגְן אַז אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים פַאלְן זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, פַארְקֶערְט, דִי טֶעג קֶען מֶען גְרִינְגֶער שְׁטֵייגְן, אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי אַ קֶענִיג אַז וֶוען עֶר אִיז אִין זַיין פַּאלַאץ אִיז שְׁוֶוער צוּ צוּקוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג, אוֹיפְ'ן גַאס, אִיז אַ סַךְ גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים. דִי זֶעלְבֶּע יֶעצְט - "בֵּין הַמְּצָרִים" - וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז כִּבְיָכוֹל אִין גָלוּת, אִיז עֶר נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּ אוּנְז, אוּן מִיר קֶענֶען נָאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים, אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, דָאס אִיז דִי גִימַטְרִיָּא פוּנֶעם שֵׁם אקי"ה, וָואס דֶער שֵׁם וַוייזְט אַז אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, קֶען מֶען 'פוּן יֶעצְט' אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דֶער שֵׁם וַוייזְט "אֲנָא זָמִין לְמֶהֱוֵי", וָואס דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט בִּיז יֶעצְט, הֵייבְּט מֶען אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ קֶענֶען רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט זֶעלְבְּסְזִיכֶערְקֵייט, עֶס הֶעלְפְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֶענֶען עֶפֶענֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלב) עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס פְלֶעגְט קוּמֶען אַסַאךְ צוּם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעהַאט זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן וָואס לִיגְט אִים אַלְץ אוֹיפְ'ן הַארְץ, בִּיז אֵיין מָאל אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט 'יֶעצְט וֶועל אִיךְ רֶעדְן, אִיךְ וֶועל אַלֶעס דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן', אָבֶּער דִי מוֹיל הָאט זִיךְ אִים נִישְׁט גֶעעֶפֶנְט. דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פוּן זִיךְ וַואשְׁן לִכְבוֹד שַׁבָּת, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן דִי שִׁיךְ אָנְצוּטוּן, פְּלוּצְלוּנְג רוּפְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָן (פוּן זִיךְ אַלֵיינְס): "גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ קֶענֶען רֶעדְן מִיט מִיר".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֻקַּת תשפ"א)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# כַּאפּ אַ טֶענְצְל אִינְדֶערְהֵיים, וֶועלְן דִי קִינְדֶער קוּמֶען צוּ לוֹיפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג צוּ טַאנְצְן יֶעדְן טָאג; מִיר טַאנְצְן נָאכְן דַאוֶונֶען, מִיר טַאנְצְן וֶוען מִיר דֶערְמַאנֶען זִיךְ פוּן רֶבִּי'ן, אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן. בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ, וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים צוּ דִי קִינְדֶער טַאנְצְט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ טְרַאכְט דוּ זָאלְסְט אַיינְפִירְן דֶעם גוּטְן מִנְהָג בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים נָאךְ אַ טָאג פוּן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, נָאךְ אַ טָאג וָואס עֶס אִיז אַרִיבֶּער וָואס אִיז אַרִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ'– זָאלְסְטוּ אָנְצִינְדְן לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק אוּן גֵיין אַ טֶענְצְל.

אַז דוּ וֶועסְט טַאנְצְן וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּ לוֹיפְן, דִי נַאטוּר פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, זֵיי צִיעֶן צוּ שִׂמְחָה; זֵיי וֶועלְן קוּמֶען צוּ לוֹיפְן, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט וֶועלְן עֶנְדִיגְן צוּ טַאנְצְן, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע וֵוייטָאג אַוֶועק גֵיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד) אַז שִׂמְחָה אִיז אַ הֵיילוּנְג פַאר אַלֶע קְרֶענְק אוּן וֵוייטָאג.

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה חֻקַּת תשפ"א)

## דֶער וֶועג אַרוֹיס

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל", עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן אַזַא זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ דַארְפְן מְיַיאֵשׁ זַיין אוּן אוֹיפְגֶעבְן. חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כ"ח) "מְלַמֵּד שֶׁהַשְּׁכִינָה בְּכָל מָקוֹם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל, אוּן עֶר שְׁטֵייט אַלֶעמָאל גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, פָּרָשָׁה ז', סִימָן ט') אַז דִי אִידְן זֶענֶען אַזוֹי בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֲפִילוּ וֶוען זֵיי זֶענֶען טָמֵא, רוּעֶט אוֹיךְ דִי שְׁכִינָה צְוִוישְׁן זֵיי. פוּן דֶעם זֶעעֶן מִיר וִוי וַוייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף יֶעדְן אִיד, אוּן עֶר ווִיל אִים נָאר מְקָרֵב זַיין, עֶר וַוארְט נָאר אַז דֶער אִיד זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דַאן וֶועט עֶר אִים אוֹיפְנֶעמֶען מִיט בְּרֵייטֶע אָרֶעמֶעס.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אָן אוּן זֶעט אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ מְשׁוּגָע אִינְגַאנְצְן, עֶר מוּז זִיךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן צוּ קוּקְן אוֹיפְ'ן גַאס, עֶר לוֹיפְט אַרוּם וואוּ עֶר קֶען זֶען נָאךְ עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט לַאנְגֶע נֶעכְט מִיטְ'ן קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע גֶעמֵיינֶע זַאכְן, אוּן ווִיפִיל עֶר קוּקְט אוּן קוּקְט וֶוערְט עֶר גָארְנִישְׁט זַאט דֶערְפוּן; וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט זִיךְ אַמָאל אַ וֶועק אוֹיף אוּן קוּקְט זִיךְ גוּט אָן, וֶועט עֶר זִיךְ שֶׁעמֶען פוּן זִיךְ אַלֵיין ווִי מְשׁוּגָע עֶר אִיז אַז עֶר לִיגְט אַזוֹי מִיטְ'ן גַאנְצְן קָאפּ אִין שְׁמוּץ, אוּן עֶר פַארְדִינְט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, עֶס בְּרֶענְט אִים נָאר אוֹיס דֶעם מֹחַ אוּן מַאכְט אִים מַמָּשׁ קְרַאנְק. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ב) אַז וֶוער עֶס הָאט נָאר אַבִּיסְל שֵׂכֶל, בַּיי אִים אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא דִי תַּאֲוָה פוּן שְׁמוּץ, אַ קְלָארֶער נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶועט אִים אוּנְטֶערְקוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהַייט צוּ טוּן שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, וַוייל עֶר שְׁפִּירְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַרַיין אִין דֶעם אוּן שְׁפִּירְט ווִי מְשׁוּגָע עֶר אִיז, דַארְף עֶר גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף אִים, אוּן עֶר זָאל זֶען צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל זִיךְ גוּט אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. כָאטְשׁ וָואס פַאר מֶענְטְשְׁן טָאר מֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען טוּט, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען דַוְקָא יָא דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי אַלֶע זַאכְן אִין וָואס מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַלֶע דֶעטַאלְן אַרוּם. אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אִיבֶּער דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרַיינְפַאלְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִין דִי שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, זָאל מֶען אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם, עֶר וֶועט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדְן טָאג וֶועט עֶר דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן אַלֶע זַיינֶע דוּרְכְפֶּעלֶער, אֲפִילוּ אוֹיבּ אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט אִים אוֹיסְזֶעעֶן ווִי דָאס טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, עֶר הַאלְט נָאכְאַלְץ אִין אֵיין וַוייטֶער דוּרְכְפַאלְן, וֶועט עֶר אָבֶּער זֶען אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר עֶס דוּרְכְבְּרֶעכְן, אוּן דִי אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי שְׁמוּץ אִין וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, תְּהִלִּים קי"ט) "וַיִּשְׁאֲבוּ מַיִם, וְאֵיזֶה מַיִם הָיוּ שׁוֹאֲבִים וְשׁוֹפְכִים? אֶלָּא שֶׁעָשׂוּ תְּשׁוּבָה, וְשָׁפְכוּ לִבָּם כַּמַּיִם לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה", דֶער עִיקָר וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִין וָואס מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן, אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן. אוּן חֲזַ"ל זָאגְן דָארְט (שָׁם, תְּהִלִּים ל"ב) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים מוֹחֵל זַיין.

(קוּנְטְרֵס רֵיינֶע אוֹיגְן)

>>>>>>

נָאר אַזוֹי ווִי וֶוען עֶס אִיז דָא גָאר אַ טֵייעֶרֶע אוֹצָר, נֶעמְט מֶען עֶס אַרוּם אוּן מֶען פַארְזִיגְלְט עֶס מִיט אַסַאךְ שְׁלֶעסֶער, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, וָואס דַארְף עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען. דִי זֶעלְבֶּע אִיז יֶעצְט, אַזוֹי ווִי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אַזֶעלְכֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע טֶעג, אַזֶעלְכֶע טֶעג וָואס פַארְמָאגְן אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹצָר, אַז מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶס דֶער יֵצֶר הָרַע אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעסֶער פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּ קוּמֶען דֶערְצוּ. אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, נָאר עֶר נִיצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט אַ סַךְ תְּפִלָּה, עֶר בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר גְרִינְגֶערְהֵייט צוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים בְּרֶענְגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע (עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל, מַסְעֵי) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֵיכָה א', ג') כָּל רֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים. "כָּל רוֹדֵף - יָ-הּ", וֶוער עֶס לוֹיפְט נָאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "הִשִּׂיגוּהָ", קֶען אִים דֶערְגְרֵייכְן. "בֵּין הַמְּצָרִים", דַוְקָא אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים".

דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל גָאר גְרוֹיס, וָואס אִיז נִישְׁטָא זֵייעֶר גְלַייכְן אִיבֶּערְן יָאר. דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים, דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, דֶער צְוֵוייטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן שָׁבוּעוֹת, אוּן פַּרְשַׁת דְבָרִים - שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז קֶעגְן סוּכּוֹת. אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי סְפֶּעצִיעֶלֶע חָשׁוּבֶע שַׁבָּתִים, אוּן שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז גָאר דִי גְרֶעסְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר, דֶער נָאמֶען "חֲזוֹן" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נְבוּאָה, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה א', א') "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ". צַדִּיקִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זֶען אִין דֶעם שַׁבָּת, דֶעם דְרִיטְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וָואס וֶועט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

### פוּן בִּיטֶער וֶוערְט זִיס

דֶער פָּסוּק זָאגְט אַז יִרְמְיָה הַנָּבִיא הָאט נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אוֹיף דִי חוּרְבָּן פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ "מַקֵּל שָׁקֵד אֲנִי רֹאֶה" (יִרְמְיָה א', י"א). זָאגְט רַשִׁ"י אַז אַזוֹי ווִי דֶער "מַקֵּל שָׁקֵד" - דֶער מַאנְדְל-בּוֹים, פוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי בְּלוּם בִּיז עֶס וַואקְסְט אַרוֹיס דִי פְּרוּכְט נֶעמְט אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי אוֹיךְ פוּן וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן צוּבְּרָאכְן דִי מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, בִּיז וֶוען זֵיי הָאבְּן חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט גֶענוּמֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג.

מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז דֶער מַאנְדְל הָאט אוֹיךְ אַן אַנְדֶערֶע אֵייגְנְשַׁאפְט. חֲזַ"ל זָאגְן (מַעַשְׂרוֹת פֶּרֶק א') אַז דֶער מַאנְדְל אִיז קוֹדֶם בִּיטֶער אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט עֶס זִיס. אוּן דֶעריִבֶּער, אַזוֹי ווִי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ מַאנְדְלֶען, אִיז יֶעצְט דִי צַייט וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן אַז פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס. וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי ווִי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמַת בְּרֵאשִׁית ד.) "וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס?"

דָאס מֵיינְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער דָאס לֶעבְן, עֶס אִיז אִים מַמָּשׁ טוּנְקְל פַאר דִי אוֹיגְן. וֶוען מֶען וֵוייסְט אָבֶּער אַז דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעשֶׁען פוּן זִיךְ אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעמַאכְט מִיטְ'ן צִיל אוֹיף צוּ וֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַאן הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעמַאכְט פוּן בִּיטֶער זִיס, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרַא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֵרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קי)

## אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן קוּמְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**תיט**

רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אַלֶע שְׁטֶעט, וָואס הָאט גֶעדַאוֶוענְט צוּזַאמֶען מִיט רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אָנְגֶעזָאגְט פַאר אַלֶע מְקוּרָבִים אַז זַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן יֶעדֶער זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר פִיר שָׁעָה, אַלֶע מִתְפַּלְּלִים הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען אוּן זֶענֶען אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען עֶסְן דִי סְעוּדַת יוֹם טוֹב, אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁט, אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט נָאכְאַלְץ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה.

דֶער עוֹלָם הָאט גֶעוַוארְט אוּן גֶעוַוארְט בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען, אוּן דַאן הָאט עֶר יֶעדְן אָנְגֶעוִוינְטְשְׁן "לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵב וְתֵחָתֵם לְאַלְתַּר לְחַיִּים טוֹבִים".

עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "וָואס אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים פּוֹעֶלְ'ן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, פּוֹעֵל אִיךְ אִין דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה". נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִין דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פִיר אִיךְ קוֹדֶם אַרִיבֶּער מַיינֶע מֶענְטְשְׁן".

**תכ**

מִיטְל נַאכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צ"ח, ו') בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר, דִי תּוֹרָה וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ה'.

דֶעמָאלְט הָאט מֶען גֶערֶעדְט אַז מְ'וִויל מַאכְן שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת אוֹיף אִידְן, אַז מְ'זָאל נֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין דִי מִילִיטֶער, אוּן נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע גְזֵירוֹת, וָואס מְ'הָאט גֶערוּפְן "פּוּנְקְטְן".

דֶער רֶבִּי, בַּיים זָאגְן דִי תּוֹרָה, הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט מְבַטֵּל צוּ זַיין דִי גְזֵירָה. אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (סַנְהֶדְרִין ל"ז.) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זָאגְן "בִּשְׁבִילִי נִבְרָא הָעוֹלָם", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר מִיר, קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיב דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר מִיר, דַארְף אִיךְ אַלְץ פְּרוּבִּירְן זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְן מִיט דִי וֶועלְט, צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דִי וֶועלְט, אוּן זֶען צוּ עֶרְפִילְן דִי חֶסְרוֹנוֹת וָואס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אַז דִי תְּפִלּוֹת זֶענֶען דָא אוֹיף צְוֵויי סָארְט וֶועגְן, אַמָאל אִיז עֶס נָאךְ פַאר סְ'אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער גְזַר דִין, אוּן אַמָאל אִיז עֶס שׁוֹין נָאכְ'ן גְזַר דִין, וִוי מְ'קֶען זֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִינֶעוֵוייניג.

מְ'הָאט דַאן פַארְשְׁטַאנֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז סְ'הַאלְט שׁוֹין נָאכְ'ן גְזַר דִין, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעאַרְבֶּעט יֶענֶעם גַאנְצְן יָאר, שְׁנַת תקס"ג, צוּ מַמְתִּיק זַיין דֶעם גְזַר דִין, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אַז מְ'הָאט אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט דִי גְזֵירָה פַאר פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר.

מְ'הָאט גֶעהֶערְט דֶעמָאלְט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאב דָאס אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט אוֹיף עֶטְלִיכֶע אוּן צְוָואנְצִיג יָאר". אוּן סְ'אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען, פוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה, בִּיז וֶוען דִי גְזֵירָה הָאט פַאקְטִישׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְגֶעפִירְט צוּ וֶוערְן, סוֹף יָאר תקפ"ז, אִיז גֶעוֶוען בְּעֶרֶךְ פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר.

**תכא**

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם הַשָּׂגָה אִין דֶעם, סְ'הָאט אִים נָאר זֵייעֶר גֶעכַאפְּט דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דָארְט גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (מִשְׁלֵי ט"ו, ל"א) אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטַייטְשְׁט דָאס וָוארְט "תָּלִין" אַז סְ'אִיז פוּנֶעם לָשׁוֹן תְּלוּנָה אוּן מְרִיבָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מִיט דֶעם גֶעזָאגְט אַז וֶוען מְ'הֶערְט קְרִיגֶערֵייעֶן צְוִוישְׁן צַדִּיקִים, אִיז דָאס נָאר אַ מוּסָר

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## זָאל אִיךְ דֶערְמַאנֶען מַיין מַאן פָּשׁוּטֶע הַלָכוֹת?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאב בָּרוּךְ ה' גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, מַיין מַאן אִיז זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער, עֶס אִיז אָבֶּער דָא זַאכְן אוֹיף וָואס אִיךְ דַארְף הִילְף.

מַיין מַאנְ'ס מִשְׁפָּחָה פִירְט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ וִוי מַיין מִשְׁפָּחָה, בַּיי זֵיי אִיז דָא אֵיין זַאךְ, מֶען קוּקְט נָאר אוֹיב מֶען אִיז אַ חָאנְיָאק, דָאס אִיז בַּיי זֵיי דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ וִויכְטִיגֶע הַלָכוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל הִלְכוֹת שַׁבָּת אוּן הִלְכוֹת בְּרָכוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אִיז מֶען נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעקָאכְט דָארְט אִין דֶעם.

מַיין מִשְׁפָּחָה אִיז יָא זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט הַלָכוֹת, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַ פְּרָאבְּלֶעם בַּיי אוּנְז. אִיךְ קֶען אַסַאךְ מֶער הַלָכוֹת וִוי מַיין מַאן, וַוייל אַזוֹי בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעוָואקְסְן, אוּן וֶוען אִיךְ זָאג מַיין מַאן אַן הֲלָכָה וֶוערְט עֶר זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן וֵויי גֶעטוּן פוּן דֶעם, עֶר מֵיינְט אַז אִיךְ הָאב אִים נָאר לִיב וֶוען עֶר אִיז פֶּערְפֶעקְט.

דִי שְׁרֶעק אִין זַיינֶע אוֹיגְן וֶוען עֶר מַאכְט אַ טָעוּת בְּרֶענְגְט מִיר צוּ וֵויינֶען אַסַאךְ מָאל, אִיךְ זָאג אִים כְּסֵדֶר וִוי חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר עֶר אִיז בַּיי מִיר, אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט פֶּערְפֶעקְט, אָבֶּער אִיךְ זֶע נִישְׁט עֶס זָאל הֶעלְפְן.

טוּ אִיךְ רִיכְטִיג וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן אִים פָּשׁוּטֶ'ע הִלְכוֹת שַׁבָּת אָדֶער וֶועלְכֶע בְּרָכוֹת מֶען מַאכְט אוֹיף עֶסְן?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אִיר זָאלְט זַיין אָפְן מִיט אֵייעֶר מַאן, דָאס אִיז פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן אִין שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען זָאל זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן, זָאגְן אַלֶעס וָואס מֶען שְׁפִּירְט פוּנֶעם צְוֵוייטְן, דָאס מַאכְט מֶען זָאל לֶעבְן בְּשָׁלוֹם.

פְרֶעגְט אֵייעֶר מַאן וִוי אַזוֹי אִיר זָאלְט טוּן וֶוען אִיר זֶעט אַז עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט וִוי דִי הֲלָכָה. פְרֶעגְט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט אוֹיב עֶס שְׁטֶערְט אִים וֶוען אִיר זָאגְט אִים אַן הֲלָכָה, זָאגְט אִים אַז אִיר ווִילְט נִישְׁט זַיין קַיין פָּאלִיצִיַאנְט, גֶעבְּט אִים צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז אִיר קוּקְט אִים נִישְׁט אַרָאפּ וֶוען עֶר טוּט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף טוּן, אִיר פַארְשְׁטֵייט אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּב קַיין הַלָכוֹת, בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען נָאר אֵיין זַאךְ, וִוי מֶער חָאנְיָאקִישׁ - אַלְץ מֶער אִיז מֶען אַ אִיד; שְׁמוּעֶסְט אוֹיס מִיט אִים דִי גַאנְצֶע זַאךְ, אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ דוּרְךְ שֵׁיינֶערְהֵייט וֶוערְט שְׁטֶערְקֶער דִי גַאנְצֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֱמֶת אִיז, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי מֶען זָאגְט דָאס; זָאגְן פַארְ'ן מַאן וֶוען עֶר טוּט אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי הֲלָכָה אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אָבֶּער וִוי אַזוֹי מֶען זָאגְט עֶס. וֶוען מֶען בַּאמֶערְקְט אַ צְוֵוייטְן אוֹיף זַיין אוֹיפְפִירוּנְג קֶען דָאס צוּגֵיין אִין אַ וֶועג פוּן קְרִיטִיקִירְן, פוּן שַׁאפְן אוֹיף יֶענֶעם, אוּנְטֶערְרַייסְן יֶענֶעם; צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "וָואס טוּסְטוּ?" "וָואס מַאכְסְטוּ?" "מֶען טָאר נִישְׁט!" "שֶׁעם זִיךְ!" אוּן עֶס קֶען צוּגֵיין אִין אַ גוּטֶע וֶועג, אַ וֶועג פוּן דֶערְמַאנֶען יֶענֶעם, לֶערְנֶען יֶענֶעם, הֵייבְּן יֶענֶעם; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען זָאגְט: "אִיךְ מֵיין דִי הֲלָכָה אִיז אַזוֹי", "אִיךְ הָאב גֶעלֶערְנְט אַז מֶען מַאכְט אַזוֹי", "שַׁבָּת מַאכְט מֶען נִישְׁט אַזוֹי", "עֶס אִיז אַ שְׁאֵלָה אוֹיב מֶען מֶעג אַזוֹי מַאכְן"; דָאס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וִוי מֶען שַׁאפְט אוֹיף יֶענֶעם.

אוֹיב אִיר זָאגְט אִים אִין אַ וֶועג פוּן לֶערְנֶען, אִין אַ וֶועג פוּן זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן אוֹיף אִים - וֶועט עֶר זִיכֶער וֶועלְן אִיר זָאלְט אִים וַוייטֶער זָאגְן, אִים לֶערְנֶען דִי הַלָכוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֻקַּת תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זָאגְן פַּארְ׳ן מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועְן אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

מִיט דֶעם אִיז פַּארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן פַּאר רֶבִּי נָתָן אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא וָואס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט, וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין שְׁוֶוער דֶער גָאוֹן רֶבִּי דָוִד צְבִי זי״ע, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין תֵּירוּץ דֶערוֹיף בִּיז יֶעצְט.

זַיין שְׁוֶוער אִיז אִין אָנְהוֹיבּ יָא גֶעפָארְן צוּ חֲסִידִישֶׁע רֶבִּי׳ס, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי פִּנְחָס׳ל קָארִיצֶער זי״ע, אוּן סְ׳אִיז אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפָאלְן זַיין וֶועג אוּן זַיינֶע הַנְהָגוֹת, עֶר הָאט אָבֶער גֶעהֶערְט דָארְט צְוִוישְׁן דִי חֲסִידִים אַז זֵיי רֶעדְן זֵייעֶר קֶעגְן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מִיכְל׳עֶ זְלָאטְשׁוֹבֶער זי״ע, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶועְן אַז עֶר וֶועט אוֹיךְ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק פוּן נִיקָלְשְׁבּוּרְג צוּ זֶען וָואס זַיין וֶועג אִיז.

וֶוען עֶר אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי מִיכְל׳עֶ זְלָאטְשׁוֹבֶער זי״ע, אִיז אִים דָארְט אוֹיךְ זֵייעֶר גֶעפָאלְן זַיין וֶועג אוּן זַיינֶע הַנְהָגוֹת, אָבֶער בַּיי דִי דָארְטִיגֶע חֲסִידִים הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי מְ׳רֶעדְט אַסַאךְ קֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָס׳ל קָארִיצֶער זי״ע, דֶער אִיז אָפְּגֶע׳פַּסְקֶ׳נְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אוּן דֶער אִיז אָפְּגֶע׳פַּסְקֶ׳נְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי גֶעטוּן, פַּארְוָואס אִיז דָא אַזַא גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוּן פֵּירוּד לְבָבוֹת צְוִוישְׁן דִי צַדִּיקִים, בִּיז עֶר הָאט גֶעזָאגְט, ״אִיךְ גְלוֹיבּ אַז בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת, סַיי וָואס עֶר רֶעדְט אוֹיף אִים, אוּן סַיי וָואס יֶענֶער רֶעדְט אוֹיף אִים״, אוּן דֶערְפַּאר הָאט עֶר זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דִי חֲסִידִים, אוּן עֶר פְלֶעגְט הָאבְּן אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן אוֹיף דִי חֲסִידִים, אַז מְ׳זָאל זִיךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְן פוּן זֵיי.

זַייט דֶעמָאלְט אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁוֶוער פַּאר רֶבִּי נָתָן דִי קַשְׁיָא, פַּארְוָואס דַארְף זַיין מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן צַדִּיקִים, אוּן יֶעצְט - וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה - אִיז אִים דָאס פַּארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, אַז דִי אַלֶע מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז נָאר כְּדֵי צוּ פַּארְטְרַייבְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן, וֶוער סְ׳ווִיל נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן.

נָאךְ אַ זַאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אִין דִי תּוֹרָה, וָואס הָאט שְׁטַארְק גֶעכַאפְּט זַיין הַארְץ, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט וִוי אַזוֹי מְ׳דַארְף הִיטְן דִי מַחְשָׁבוֹת, וַוייל רֶבִּי נָתָן אִיז פוּן נַאטוּר אוֹיס גֶעוֶועְן אַ שְׁטַארְקֶער בַּעַל מַחְשָׁבָה, אוּן כָאטְשׁ וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט מַחְשָׁבוֹת פוּן תּוֹרָה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר מְבֻלְבָּל וֶוערְן פוּן זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# שיינע חומש סעודה אין תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג

די פארגאנגענע וואך, זונטאג חוקת, איז פארגעקומען די שיינע "חומש סעודה" אין די ברסלבע חדר אין וויליאמסבורג, די זיסע קינדערלעך פון כיתה א׳ האבן געפייערט דעם פרייליכן מסיבת "חומש סעודה", ווען זיי האבן זוכה געווען צו ענדיגן לערנען די הייליגע עברי, און זיי הויבן שוין אן לערנען אין די הייליגע חומש.

די הערצער פון די פילע עלטערן און זיידעס וואס זענען זיך געקומען משתתף זיין ביים שיינעם חומש סעודה זענען געווארן איבערגעפילט מיט נחת זעענדיג די זיסע ריינע נשמה׳לעך מיט די קרוינדעלעך אויף זייערע קעפעלעך זינגען אזוי זיס און הארציג די הייליגע ניגונים, און זאגן די הייליגע פסוקים פון פרשת ויקרא, ווי דער מנהג איז ביים מעמד התחלת חומש.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געטיילט פאר די טייערע קינדער זייער "ערשטע אייגענע סידור", וואס זיי האבן איבערגענומען מיט גרויס פרייד. דער ראש ישיבה האט אויפגעטרעטן מיט עטליכע ווערטער און אנגעווינטשן פאר די קינדער צו וואקסן און שטייגן בתורה ויראת שמים.

אזוי אויך האט מען געהערט עטליכע ווערטער פונעם מנהל הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א, און אזוי אויך פונעם חשובן מלמד הר"ר נחמן ניישטיין שליט"א.

די ברסלב׳ע תלמוד תורה, וואס שטייט שוין איבער צען יאר כן ירבו, איז באקאנט פאר אלעמען אז דארט לייגט מען דער עיקר דגוש אויף אויסלערנען די קינדער "אמונה", אז אמונה זאל נישט זיין נאך א זאך וואס זיי וויסן, און מען נעמט עס נאר ארויס איין-צוויי מאל א יאר ווי למשל פסח ביינאכט, אדער פורים נאכמיטאג, נאר אז זיי זאלן לעבן מיט׳ן אייבערשטן, די אמונה זאל ביי זיי זיין קלאר און זיכער, און זיי זאלן אויפוואקסן פון די יונגסטע עלטער וויסנדיג אז דער באשעפער איז ממש דא מיט זיי אייביג און איבעראל.

אזוי אויך לייגט מען א געוואלדיגע געוויכט אז די קינדער זאלן וויסן זייער חשיבות אז זיי זענען געבוירן געווארן אלס אידן, און האבן באקומען די הייליגע תורה פונעם אייבערשטן, און נאר אויב מען פאלגט דעם אייבערשטן קען מען האבן א גוטע לעבן, אפילו אויף דער וועלט.

אין דעם תלמוד תורה געט מען שטארק אכטונג אז די קינדער זאלן אויפוואקסן געזונט אויך בנפש, ווי יעדער מלמד גיבט אכטונג נישט צו פארשעמען קיין קינד. מען לערנט אויס די קינדער וויאזוי מען לעבט מיט אנדערע מענטשן זיך רעכענען מיט א צווייטנ׳ס געפילן. מען איז מחנך די קינדער מיט שמחת המצוות, מען פארציילט פאר די קינדער אזעלעכע מעשיות פון צדיקים וואס רעדן צו קליינע קינדער, און מען לערנט זיי אויס אז אויך זיי קענען זיין א צדיק, און קענען וואקסן ערליכע אידן.

ברוך השם, עס זענען ארויסגעקומען הערליכע פירות, עס זענען שוין דא פילע אינגעלייט תלמידים פון די הייליגע תלמוד תורה, אינגעלייט זענען יראי השם, וואס לעבן מיטן אייבערשטן, און פירן ערליכע אידישע שטיבער על דרך ישראל סבא.

**אין העולם מתקיים אלא בזכות הבל תינוקות של בית רבן!**

***

# העפטיגע בוי ארבעט ביים בנין היכל הקודש אין אומאן

שוין די לעצטע עטליכע יאר האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך איינקוואטירט אין אן אייגענעם בנין, וויט ארויס פונעם טומל און געפילדער פון די הויפט גאסן אין שטאט אומאן, וואו אנשי שלומינו טרעפן א ריינעם און רואיגן ווינקל אין אומאן, בשעת מען ווילט אין שאטן פון הייליגן רבי׳ן אין די הייליגע ראש השנה טעג.

נאכדעם וואס אין די ערשטע פאר יאר האט מען זיך באנוצט מיט בלויז די אונטערשטע שטאקן, האט דער ראש ישיבה, ווי שוין באריכטעט, געזאגט אז ס׳איז שוין צייט צוצוענדיגן ווי מער צימערן, ווייל מען ערווארטעט דאס יאר אין אומאן גאר א גרויסער ציבור. און אזוי אויך זענען שוין די עקזעסטירנדע צימערן געווען אנגעפילט דאס מערסטע וואס מעגליך.

ברוך השם אז די עושי המלאכה פלייסן זיך צו, אין די צימערן אינעם בנין זעט מען די בוי ארבעט פון אלע זייטן, אלעס ארבעט גאר העפטיג, פלאמבערס, עלעקטערישנס, און בעלי מלאכה וואס לייגן טיילס.

אויך איז באשטעלט געווארן א גרויסע שיפמענט פון נייע בעטן צו קענען אויסשטאפירן די נייע צימערן וואס וועט בעזרת השם זיין גרייט פארן קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט.

מען קען נאך רעזערווירן א בעט ביי הר"ר יחזקאל סאמעט הי"ו אויף 347-452-1936. געדענקט, בלויז א מספר מצומצם בעטן פארבליבן, וכל הקודם זכה.

**קיינער טאר נישט פעלן!**


# אומאן ראש השנה!

## אלע אייערע געברויכן פאר אומאן

## עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך

> בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס <

אייער פריינד
אלי קנאלל
**718-506-4341**

Plan it Rite
Travel the right way


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **נחמן שמואל יאקאבאוויטש** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יחזקאל שארף** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **ישראל יעקב קרויס** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב


## אראפגעפאלן

**ביסט אראפגעפאלן? האסטו זיך גוט צעקלאפט? בלייב נישט ליגן, שטעל זיך אויף, און גיי ווייטער אין לעבן**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 7, 2, 48**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י מו"ה יענקי פיש הי"ו, ובמאנסי ע"י מו"ה זאבי סרולאוויטש הי"ו

< BreslevCenter.com >